№ 46 — Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem. — פרייז 20 גראשען — Lodzer Tageblatt

לאָדזשער טאָגעבלאַט

21-טער יאָהרגאַנג || 22 lutego 1928 r. || מיטוואָך, א׳ אדר תרפ״ח || רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: פּיעטריקאָווער 16. טעלעפאָנען: פון רעדאַקציע 16, פון אַדמיניסטראַציע 47

פּראָגראַם-רעדע פון מיניסטער טשעכאָוויטש.

װ א ר ש א. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) אין וואַלאַוואַלאַצישן קאָמיטעט איז געהאַלטן געוואָרן די פאָלשטענדיקע קאָנפערענץ פון אַנ׳אַרטיקלער טיליק פון דער „באַנק גוספּאָדאַרסטוואַ קראַיאָוועגאָ״. דער פינאַנץ-מיניסטער טשעכאָוויטש, וועלכער איז ספּעציעל אַרויסגעפאָרען צו דער קאָנפערענץ, האָט געהאַלטן אַ גרויסע עקאָנאָמישע רעדע וועגן דער פינאַנציעלער לאַגע אין לאַנד.

דער מיניסטער האָט ערקלערט, אַז די איצטיקע רעגירונג האָט באַקומען אַ זייער שלעכטע ירושה אין די פינאַנציעלע פאַרהעלטענישן אין לאַנד. דער מאַי-רעגירונג איז אָבער סוף כל סוף געלונגען צו סאַנירן די לאַגע און איצט זענען מיר עדות פון דער וואַלוטע-סטאַביליזאַציע און פון דער אַמעריקאַנער הלואה. אין לאַנד געפינען זיך אָבער אַזעלכע עלעמענטן, וואָס זענען שטאַרק אונצופרידן פון דער מערבעסערטער לאַגע, ווייל זיי קענען נישט פאַרגינען דער היינטיקער רעגירונג דעם ערפאָלג.

די רעזינגע עקספּאָזע שטעלט מיט זיך אויך פאָר די פּראָגראַם-רעדע פון מי-ניסטער טשעכאָוויטש, וועלכער פיגורירט אַלס ערשטער קאַנדידאַט אויף דער ליסטע נום. 1 אין וואַרשע.

עסטרייכישער לאָקאַרנאָ-געזעץ — אַ געוועהר אין די הענד פון די בעלי-בתים.

ווין, 21. פעברואַר (אָטע) די עסטרייכישע רעגירונג האָט שוין אויסגעאַרבעט אַ געזעץ צום געזעץ וועגן לאָקאַרנאָ-שוץ. די געזעץ זעהט פאָר אַ רעגירונג-צו-ציע פון גרונט-דירה-געלד, דאָס זאָל אויך אַהינגעהן נאָך פערשריבענע וועגן עקסמיטיע. די געזעץ זעהט אויך פאָר, אַז אין געוויסע פעלע האָט דער בעל-הבית דאָס רעכט אַבצוזאָגן דעם לאָקאַטאָר די דירה.

אַלץ נאָך די אויסלענדישע פּעסער!
מען האַלט אין איין רעדוצירען דעם פּרייז
און בלייבען — בלייבט עס ביים אַלטען.

װ א ר ש א. (א. א.) אין צוזאַמענהאַנג מיט׳ן נייעם בודזשעט-יאָהר הערט איצט אין אינערן-מיניסטעריום בעטראַכט אַ פאָרשלאָג צו פאַרקלענערן די קאָסטען פון אַנ׳אויסלענדישען פּאַס אויף 50 פּראָצענט.

געענדיגט די פּויליש-סאָוויעטישע באַהן-קאָנפערענץ.

מ א ס ק װ א, 21. פעברואַר (א.ה.) נעכטען האָט זיך דאָ פאַרענדיגט די פּויליש-סאָוויעטישע באַהן-קאָנפערענץ. היינט ווערט אונטערגעשריבען דער פּראָטאָקאָל פון די באַראַטונגען, דאָנערשטאָג פאָהרט צוריק די סאָוויעטישע דעלעגאַציע קיין מאָסקווא.

פילהאַרמאָניע-זאַל נאַרוטאָוויטשא 20. פרייטאָג, ד. 24. פעברואַר 7 אָוונט
בונד אין משפּט
פון דער יודישער אַרבייטער-עפנטליכקייט
אַרויסטרעטען וועלען די ה״ה: נתן בוקסבוים, יוסף ראָזען (וואַרשע), ראַטס. ב. שאַפּירא, ה. בראַנד. ז—ז טעזען: 1) פאַרוואָס איז ניטאָ צווישן געקומען דער בלאָק צווישן „פּועלי-ציון״ און „בונד״. 2) בונדיש-פּועלציסטישע פאַראַמניגונג. 3) בונדישע טעאָריע און בונדישע פּראַקטיק. 4) די צו-שטערונגס-אַרבעט פון בונד אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגונגען. 5) בונדישע שול-פּאָליטיק. 6) בונדישע וואָהל-בלאָקה: א) מאַקאַאָו, כעלם, פּינטשעוו; ב) קיעלס, מעזעריטש, אַיזלען, אָקסען, קאַרוועלאַס א. ד. גל.; ג) בונדישע ליטעראַטור לויט׳ן נוסח און סטיל פון שמ״ר. 7) „בונד״ אויפ׳ן וועג צום „טעלקיום״. 8) דער ענטפער פון דער יודישער אַרבייטענדער מאַסע. בילעטען צום פּרייז פון 50 גר. ביז 1.50 צו באַקומען אין הויפּט-וואָהל-ביוראָ (פּיראַמאָוויטשא 14) און אינ׳ם טאָג פון משפּט ביי דער קאַסע פון פילהאַרמאָניע-זאַל (נאַרוטאָוויטשא 20).

ליסטע 5 — יודישער אַרבייטער וואָהל-קאָמיטעט „פּועלי-ציון״: הויפּט-וואָהל-ביוראָ: פּיראַמאָוויטשא 14.

[illegible]

מעלדונג.
פאַר דיסציפּלין-בראַך ווערט יחיאל שאַליט אויסגעשלאָסען פון דער פּאַרטיי.
קאָמיטעט פון דער יוד. סאָציאַליסטישער אַרבייטער-פּאַרטיי „פּועלי-ציון״ (פעראייניגט מיט צ. ס. ס.) אין לאָדז.

אחרי מחלה כבדה וממושכת גוע ונאסף אל עמיו בעלי האהוב חותני, אחינו, גיסי ודודנו היקר
נ״ע אליעזר בן ר׳ בנימין ביניש הכהן ז״ל
בנצ׳קובסקי
בשנת הארבעים ושלש לימי חייו.
ההלויה תהיה היום, יום ד׳ א׳ אדר תרפ״ח בשעה 2 אחהצה״ר מבית האבל פיוטרקובסקה 26
השרויים בצער עמוק: משפחתו המתאבלת.

נאָך קורצע און שווערע ליידען איז געשטאָרבען אין עלטער פון 69 יאָהר מיין ליבע פרוי, אונזער טייערע און נישט-פערגעסענע מוטער, שוויגער-מוטער, גרויס-מוטער
נ״ע אסתר מרים אשת ר׳ אשר נ״י
באַרנשטיין
די לויה קומט פאָר היינט, מיטוואָך, 1 אַ זייגער נאָכמיטאָג פון טרויער-הויז נאַרוטאָוויטשא 83, וועגען וואָס עס טיילט מיט די אין טיפען טרויער
פערבליבענע פאַמיליע.

200 זל. בעלוינונג
אַריבערגעהענדיג פון פּולנאָצנא נומ. 7 אויפ׳ן נומ. 8 האָב איך פערלוירען אַ
פּאַפּיראָסען-טאַש
(עס איז אַנ׳אָנדענקונג). דער עהרליכער פינדער ווערט געבעטען אָבצוגעבען געגען 200 זל. בעלוינונג צו געלרוביז, פּולנאָצנא 7.
בעמ.! ווער עס ווייס עפּעס וועגן די פּאַפּיראָסען-טאַש, ווענדעט זיך באַקומען אַ גרויסע בעלוינונג. 350

צו דער פערלאָבונג פון אונזער פריינד
נתן זילבערצווייג
מיט פרל. עלא האַכמיץ
ווינשען מיר גליק און צופרידענהייט.
מענדעל האַמבורסקי און פאַמיליע.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער פריינד
נתן זילבערצווייג
מיט פרל. עלא האַכמיץ
ווינשט אַ הערציגען מזל-טוב
פעליקס האַמבורסקי און פאַמיליע.

Dr. med. A. URYSON
ספּעציאַל-אַרצט פאַר אינערליכע קראַנקהייטען
Konstantynowska 20, tel. 85-86
נעמט אָן פון 3—5 נ. פאַר אינטעליגענץ—לעטשניצע-פּרייזן.

Dr. Niewiażski
SIENKIEWICZA 34, tel. 59-40
ספּעציאַל-אַרצט פאַר סיפיליס, טריפּער און מענער-שוואַכע
באַהאַנדלונג מיט קוואַרץ-שטראַהלען.
603 נעמט אָן פון 5—9 אָוונט.

Dr. med. A. Mazur
ספּעציאַל-אַרצט פאַר אויערן, נאָז און האַלז-קראַנקע. ווי אויך שטים און שפּראַך-שטערונג
האָט זיך איבערגעצויגען אויף
וואַלטשאַנסקא 65
(איינגאַנג אויך דורך טיערטיק 46) טעל. 66-01
נעמט אָן פון ½11—½12 און פון 3—5 נאָכמ.

Dr. med. Ludwik Rapeport
P, Narutowicza 25 (דזשעלנע) Tel. 44-1
ספּעציאַליסט פאַר נירען-, בלאָז- און האַרן-קראַנקהייטען
נעהמט אָן פון 12—1 פאַרמ. און פון 4—6 נאַ.

א פּערטרעטער
אויף לאָדז און אומגעגענד מיט גוטע רעפערענצען ווערט געזוכט פון אַ טשענסטאָכאָווער קונסט-פאַבריק.
צו ווענדען:
I. Gradon Częstochowa, Strażacka 14
skrzynka poczt. 149. 851

Dr. Wołkowyski
זאַכאַדניאַ 53 (צעגעלניאַנאַ 59) טעל. 37-78
ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט און וועניריסשע קראַנקהייטען און מענער-שוואַכע
באַהאַנדלונג מיט קוואַרץ-שטראַהלען
נעמט אָן פון 1—2 און 4—8. פרויען פון 4—5
ספּעציעל וואַרטע-צימער.

שטימט פאַר דער ליסטע 33 — אַלגעמיינער יודיש-נאַציאָנאַלער וואָהל-בלאָק צום סיים און סענאַט — שטימט פאַר דער ליסטע 33
אין לאָדז, מאָניושקע 5, טעל. 88-70.

אַכטונג. שייבלער׳ס-ראַיאָן!
מיר מאַכען באַקאַנט, אַז ביי אונז איז געשאַפען געוואָרען אַ וואָהל-קאָמיטעט פון אַלג. יוד. נאַצ. בלאָק און אויף היינט, מיטוואָך, 7.30 אָוונט רופען מיר
אַ גרויסען וואָהל-מיטינג
פאַר קליינהענדלער סאָרג- און מערק-שטעהער אין לאָקאַל פון „יסודי-התורה״, קילינסקי 116. מיט רעדעס וועלען אַרויסטרעטען די ה״ה: אַדוו. הייזמאַן, ד״ר הערש-פינקעל, ג. וואָלמאַן, מ. בענדעל, ל. גערעכט, ד. ה. זילבערשטיין, פּרנס ב. גאָלדבערג
יודען פון שייבלער׳ס-ראַיאָן קומט מאַסענהאַפט!
וואָהל-קאָמיטעט פון שייבלער׳ס-ראַיאָן.

„שטאָטיש טעאַטער״, ציגעלנאַ 63
דירעקציע: ב. באַרטשינסקי.
נור 2 פאָרשטעלונגען! נור 2 פאָרשטעלונגען!
היינט, מיטוואָך, און מאָרגען, דאָנערשטאָג, פעברואַר, 8.30 אָוו.
ווערט אויפגעפיהרט די הערליכע אָפּערעטע פון באָטשינו
„מאַדאַם בעטערפליי״
מיט דער באַטייליגונג פון די כאָרען פון דער היגער אָפּערן-געזעלשאַפט, פון גרעסערען סימפאָנישען אָרקעסטער און אַרטיסטען פון דער ווארשעווער אָפּער.
די הויפּט ראָלען פיהרען אויס: Bronisława Olecka, Teoderja Skonaczna, St. Debosz, Fr. Freszel, Fr. Freezel, S. Lewitin, I. Wayland i I. רעזשי: K. Tatarkiewicz און (רעזש. פון שאַמפּיטער: K. Tatarkiewicz). דירעקטאָר: J. Bejnowski (דירידזשענט פון דער לעמבערגער אָפּערע) און D. Kleidt (מוזיק-לייטער פון דער ווארשעווער אָפּערעטע).
בילעטען שוין צו באַקומען אין דער צוקערניע ביי נאָטשעמיעסקי, פּיעטריקאָווער 76, טעל. 61-00.

בעקאַנטמאַכונג.
זעמטליכע בעלי-חובות פון שמואל בערלינערמאַן
בזשעזשינסקאַ 21, ווערען אויפגעפאָדערט אונבאַדינגט אין זייערע אייגענע אינטערעסען צו קומען מאָרגען, דאָנערשטאָג, דעם 23/2 ד.י. 9 אַ זייגער פריה אין לאָקאַל פון פאַבריקאַנטען-פאַראיין, זאַכאַדניאַ 68, כדי צוזאַמענצושטעלען אַ קאָנטראָל-ליסט אין דער פראַגע פון ש. בערלינערמאַן.
גלייכצייטיג ווערט ה׳ שמואל בערלינערמאַן ענערגיש אויפגעפאָדערט רעאַליזירען זיך צו פאַרשטענדיגען מיט׳ן קאָמיטעט פון די בעלי-חובות אין משך פון 24 שעה.
אין געגענפאַל וועלען געגען איהם גענומען ווערען אַנגעהענדיקע טריט צו שאַרפסטע געריכטליכע סאַנקציעס.
דער קאָמיטעט.

18 — יוד. וואָהל-קאָמיטעט ביים בלאָק פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען. — 18
מאָרגען, דאָנערשטאָג, ד. 23. ה. ח. 8,30 אָוונט אין זאַל „קאָלאָסעאום״ (זאַכאַדניאַ 58)
אַ גרויסער פרויען-וואָהל-מיטינג
מיט דער באַטייליגונג פון פרוי ראַטמאַן רחל שטיין, פרוי ד״ר סירקין פון וואַרשע א. א.
איינגאַנג נאָר פאַר וועהלערינס.

שטימט פאַר ליסטע אַלג. יוד. נאַציאָנאַלער וואָהל-בלאָק צום סיים און סענאַט — 33 — אין לאָדז מאָניושקי 5. טעל. 88-71
היינט, מיטוואָך, דעם 22. פעברואַר 1928 1 אַ זייגער ביי טאָג קומט פאָר אויף מאָניושקי 5 אַ גרויסע
וואָהל-קאָנפערענץ פון גאַנצען לאָדזשער קרייז — 33
צו וועלכער עס דאַרפען קומען פאָרשטעהער פון די וואָהל-קאָמיטעטען אין בזשעזשין, לוטאָמירסק, קאָנסטאַנטינאָוו, אַלעקסאַנדראָוו, זגיערזש, פּאַביאַניץ, טושין, קאַלושקי, לאַסק, יעזשאָוו, גלאָוונאָ, סטריקאָוו א. אַנ.

בלוטיגער וואהל-מיטינג ביי לעמבערג.

1 יוד דער'הרג'עט געווארען. — פיל ליכט און שווער פערוואונדעטע.

לעמבערג. (טעלעפאניש) אויף א וואהל-מיטינג פון דער „אגודה" אין זאכראמיל איז אויסגעבראכען א מורא-דיג געשלעג צווישען די פערשידענע צדדים. דאס געשלעג האט זיך פער-וואנדעלט אין א בלוטיגער שלאכט, בעת וועלכער עס איז דער'הרג'עט געווארען דער דארטיגער יודישער יונגערמאן יצחק אייזיק פאנער. עס איז דא א סך ליכט און שווער-פערוואונדעטע.

אין שטעטל האט דער טויט פונ'ם יונ-גערמאן ארויסגערופען א געדריקטער שטימונג.

* * *

װארשא. (א. ה.) אויפ'ן נעכטיגען וואהל-מיטינג פון די כאדעקעס איז אַ-רעסטירט געווארען דער ראַכמאַן גרא-באווסקי און צוויי טראַמווײ-קאָנדוקטאָ-רען. ביז איצט זענען זיי נאכנישט בע-פרייט געווארען פון ארעסט.

אין העכסטען טריבונאל זענען געב-ראכט געווארען 400 אַנ-קלאגעס וועגען וואהל-ענינים. סרוב זע-נען די אנקלאגעס געווענדעט געגען די בעשלוסען פון פערשידענע קרייז-וואהל-קאמיסיעס צו פסל'ען קאנדידא-טען-ליסטעס.

א גאנצע רייהע געזעלשאפטליכע פער-איינען האבען אויך ארגאניזירט אַנ-קלאגעס געגען דער ליסטע נומ. 13

* * *

טשענסטאכאו. (טעלעפאניש). נעכטען איז דא אדורכגעפיהרט געווא-רען א רעוויזיע ביים קאנדידאט פון כא-דעקיש-פיאסטישען בלאק (25) זיגמונד כארדיני און ביי א געוויסען מאטעל סקאלעצקי, ביי וועמען די פאליציי האט ענטדעקט א גרויסען געוועהר-לאגער, בומבעס, שטאקינס און אמוניציע שמו-געל. אין צוזאמענהאנג מיט דער דאזי-גער ענטדעקונג זענען אדורכגעפיהרט געווארען א רייהע ארעסטען פון איינעם פערדעכטיגע, דערונטער אויך דעם ספעק-קאנדידאט פון קאמילי-שען פלאקס-בלאק זיגמונד צארדיני, ביי וועמען דער געוועהר-לאגער איז געפו-נען געווארען.

ווידער א קאמוניסטישער אויפשטאנד אין כינע.

ריגא, 21. פעברואר (אטע) פון מאסקווע מעלדעט מען, אז אין דער כינע-זישער פראווינץ האנאק איז אויסגעבראכען א קאמוניסטישער אויפשטאנד.

לאנדאן, 21. פעברואר (פאט) די לאגע היגטער קאנטאן האט זיך ווידער פערשארפט. צוויי כינעזישע גענעראלען האבען פערנומען זעהר וויכטיגע סטראטע-גישע פונקטען ביי קאנטאן. פון דארט פיהרען זיי אן אן'אטענטאט אויף דער שטאט. אין די נעהנסטע טעג ווערען ערווארט גרויסע שלאכטען צווישען די צוויי גענעראלען און דעם גארניזאן פון קאנטאן.

קריטישע לאגע פון דער סלאבאדקער ישיבה.

קאוונא (יט"א) קען רעדע און עקס-פען א דעלעגאציע פון דער בערוהמטער סלאבאדקער ישיבה און קאוונא, בראש מיט'ן מנהל רב יעקב משה לעסין. אין א געשפרעך מיט'ן קאוונער יט"א קארעספאנדענט, האט הרב לעסין מיט-געטיילט, אז די סלאבאדקער ישיבה לעבט איבער א קאטאסטראפאלע לאגע איצט. די ישיבה-בחורים האבען שוין העכער א יאהר צייט נישט בעקומען קיין שכירות און יעדער ישיבה-בחור איז א בעל-חוב אויף צ'ערך 400 ביז 500 דאלאר.

גענעראל-שטרייק געגען צו הויכע שטייערען.

פאריז, 21. פעברואר (אטע) פון אטען מעלדעט מען, אז די גריכישע קאמוניסטען זענען ארויסגעטרעטען מיט א פאדערונג צו פערקלענערן די שטייערן. אויב די רעגירונג וועט די שטייערן נישט נידריגער מאכען, וועלען די קאמוניס-טען פראקלאמירען א גענעראל-שטרייק. 5 אנפיהרער פון די קאמוניסטען זענען ארעסטירט געווארען.

זעלבסטמארד פון א פוילישען זשורנאליסט.

װארשא (טעלעפאניש) אין „הטעל בריסטאל" איז נעכטען אינדערפריה בעגאנגען זעלבסטמארד דער פוילישער זשורנאליסט הענריק קאמינסקי. פאר'ן זעלבסטמארד האט ער גענומען א וואנע און זיך געלאזט אפראזירען.

ווי מען שמועסט זאל די סבה פונ'ם זעלבסטמארד זיין געווען פאמיליען-סכסוכים.

דער לעצטער טאג פון בערלינער פראצעס.

די רעדעס פון פראקוראר און פערטיידיגער. — די מאטיווען פונ'ם בעפרייאונגס-אורטייל.

(ספעציעל פאר'ן „לאדזשער טאגעבלאט").
פון א. בירענצווייג.

ווי דער טעלעגראף האט אייך שוין מיטגעטיילט, איז פאול קראנץ בעפרייט געווארען פון דער בעשולדיגונג, אז ער האט זיך מיטבעטייליגט אין ערמאר-דען סטעפאנ'ען. דער אורטייל איז דא גלייך געווען פון אלעמען ערווארטעט. נאך דער רעדע פון פראקוראר, וועלכע איז גע-ווען זעהר שוואך, איז קלאר געווא-רען, אז מ'וועט ארויסטראגען א בעפרייאונגס - אורטייל.

דער אינטערעס צום פראצעס, וועל-כער איז אין די לעצטע טעג געווארען אבנארמאל שטארק, האט היינט זיך אלע-גערעכטיגט אויסגעדריקט. אזא גע-דראנג האט שוין בערלין לאנג נישט געזעהן פאר א געריכטס געבייד.

די פאליציי האט געהאט זעהר פיל ארבייט מיט האלטען די ארדנונג. די קארידארען פון אמטגעריכט און וואנדען זאל איז געווען זעהר א שטארקער, קיין צוויל-פערוואלטונג האט מען פרובירט ביז נישט ארגאניזירט. ווייל אלע צושויער זענען געקומען די אנגעזעהענסטע פאר-שטעהער פון דער אינטעליגענץ, פון דער פאליטישער, וויסענשאפטליכער און קונסטלערישער וועלט.

די זאמלונג ווערט געפיהרט אין דער אנוועזענהייט פון צוהערער, מחמת די דאקטוירים האבען איהם נישט ער-לויבט. די פראקוראטור האט זיך, א פנים, שטארק צוגעגרייט צו דער בעשולדיגונגס-רעדע. אויף דער טריבונע, וועלכע איז ספעציעל אויסגעשטעלט געווארען, ליגען אנגעהויפנט ביכער און מאטער-יאלען, און מ'רופט זיך אויף א רייהע „פאסמאטער". ס'איז דערפאר זיך לייכט פארצושטעלען מיט וואסערע שפאנונג דאס פובליקום האט אויסגעהערט.

די בעשולדיגונגס-רעדע.

מיט יעדער מינוט, צייט, וואס די רעדע האט זיך פערצויגען, איז געוואקסען די עמפינדונג.

„וואס איז געשעהן? — הייבט אן דער פראקוראר זיין רעדע — צוויי נישט רוהיג, מאראליש געשילדערטע שי-לער בעשליסען צו דערשיסען א מענש, לויט געזונקענעם יונגענמאן און א מעדעל וואס איז ענליך צו זיי. די מאטיווען צום מארד זענען בלויז אינטימע, וואס ביים אנהויבען אויפגעקלערט. וואס מען ווייסט וועגען דעם דאזיגען עניין, אויפגעהויבען איז אבער טאטאל? דער פראקוראר מיינט, אז דער רעזשים פון ארגאניזאציע פראצעס איז געשעהן קאנטאלי. דער רעכטער געהאט דאן אינטער צו די פערנעמונג פון דער פראקורישער. דער אנגעקלאגטער האט געגעבען הילדע שעלער זיין ערענווארט, אז ער וועט נישט דערצעהלען איהר ברודער, אז זי געפינט זיך אין שלאפצימער מיט סטעפאנ'ען. ער האט אבער זיין ווארט געבראכען. ווען גינטער שעלער און צוגענגען דארט צו זאגען סטעפאנ'ען, און איהם הילדע נאכגעלאפען. אבער קראנץ האט פערהאלטען די טיר און דאן זענען געשאסען די שאסען. דער אנגעקלאגטער איז נאך דער דאזיגער טאט ארויסגעגאנגען פון דעם הויז און געבליבען גלייכגילטיג. דער אנגעקלאגטער איז, אלזא, נישט צוגעפאסט, וואס סטעפאן איז געשאסען געווארען, ער האט אבער זיין רעוואלווער געגעבען, מיט דעם געזעהן די טאט. דער פראקוראר בעשולדיגט קראנץ, אז ער האט פערהאלטען די טיר און דאן זענען געשאסען די שאסען. ער האט זיך געשטעלט פאר דעם בעשולדיגטען אין דער טיר. ער מוז דעריבער אויך פאראנטווארטליך זיין פאר דער מאראלישער שולד."

„וואס שייך הילדע שעלער, זאגט דער פראקוראר, פאלט אויף איהר די מא-ראלישע פאראנטווארטליכקייט פאר דעם אלעם, וואס איז געשעהן, און ער האט בעטען נישט ברענגען זי צו געזעץ. ס'איז אבער נישט קיין גרונד צו צושלאגען איהר ער-קלערונגען.

בעשולדיגטער די אויספיהרונגען פון די עקספערטען, קומט דער פראקו-ראר צום אויספיהר, אז האט בעוויזען, זענען ביידע חברים נישט געווען בעום פולען בעוואוסטזיין, הגם זיי זענען פארמאגט שוין געווען גענוג, און דער-פאר ער פאדערט פאר'ן פראצעס א יאהר תפיסה. בעשטימט רעכט און אלס א רייהע מילדערנדע אומשטענדען, א חוץ דעם ווארט ער פאר שטראפען וועלכען פון א חודש ארעסט פאר האלטען געוועהר אומלעגאל. ריכטיג בעקומט האט דער פראקוראר

דער פערטיידיגער אדוו. ד"ר פרעה.

„איך פרעג נישט: וואס איז געשעהן, ווי ס'האט עס געמאכט דער פראקוראר; איך פרעג: וואס איז יוגענד? איך בין פאר דער יוגענד מיט נישט'ס ווארטס, „יו-גענד איז שכרות אהן ווין". איך האב זיך דערינערט מיט די צופאלונגען פון שילער פון קראנץ, מיט געשיכטע'ן און ראמאנען, ווי מיט דער שרעקליכער מאראלישער מאכטיגקייט. ס'איז קלאר וואס האט אזא יונגער מענש קודם כל א האלב געהאט. די הכמה; דער שול קומט ערשט שפעטער. די פערזענליכקייט, אז די הילדע און געפעהר שעלער פונ'ם אנגעקלאגטען, וועגען מאראליש געווארען, וועגען אין דעם פאל נישט'ן געטראגען, דער בריוו-פיגעס פון די פער-טהייטיגונגען איז דאך די פראגע: צו איז דער אנגעקלאגטער שולדיג. אבער ביום? די געריכטס-פערהאנדלונגען האבען בעוויזען וואס די פראקוראטור טענה'ט האט אויך אליין מודה געווען, אז קראנץ איז נישט פעהיג געווען דעם מארד. ס'וויל איהם אבער פערשולדיגען און מיט בעמיהונגען, דאס קען אבער נישט זיין. וואס הייסט דאס איז געווען „מיטבעשולדיגונג"? — רעכט אויס דער פערטיידיגער. דאס פערגעסט, אז פראנץ וועלען זיך פונאנדער מיט די פעקטיגען, וואס יעדער האט אויסגעפיהרט. און דא איז אבער דער פאל נישט געווען. אמת, קראנץ איז גע-ווען און בעם אויף הילדע'ן. פערוואס זי האט איהם פערראטען. דאס איז אויך פערשטענדליך. אבער צו האט ער עפעס געמאכט צוצוהעלפען צום מארד? צו דער-פאר, וואס ער האט נישט ארויסגעלאזט דעם רעוואלווער פון גינטער'ן, קען מען איהם פערשולדיגען? צו וויל ער און געווען א שטומער עדות פון דער ער-מארדונג, קען מען איהם אנקלאגען מיט

בעטוילמשער?

— ווער ס'בעגעהט א מארד, מוז דאך א פרייזער זיין בעשטראפט, ווען ער געהט מוט. צוערשט קומט דער ווילען, דערנאך ערשט די טאט. איז אבער קראנץ פעהיג געווען נאך אזא שווערע-רונג, צו האבען א ווילען צו מ'ארדען? אודאי איז ער מאראליש שולדיג. הילדע שעלער איז אבער נאך מעהר מאראליש שולדיג. פון יורידישען שטאנדפונקט קען מען דערפאר נישט בעשטראפען, צוליב דעם מאכט לאנג זי פאר אזוי מיצופראגען א בעפרייאונגס-אורטייל."

נאך די רעדעס איז די שפאנונג געשטיגען צו דער העכסטער מדרגה, הגם אלע האבען שוין געוואוסט, אז קראנץ וועט בעפרייט ווערען און יעדער האט אויף א פאר ווארטען.

אינמיטען האט מען געבראכט דעם אנגעקלאגטען פון שפיטאל אין זאל אריין.

„לעצט ווארט".

געזעצמעסיג, אז מ'זאל איהם פרעגען אויב ער וויל מיטהויבען צו זיך פערטיידיגען, ער האט אלעס אויסגעזאגט ביי די פערהערען, וואס ער האט בעדאנקען און דער יוגענד.

ווען דער פארזיצענדער לייענט פאר דעם בעפרייאונגס-אורטייל שפיגעלט אויף קראנץ פאר שמחה זיין בלאסע פנים בעקומט א רויטע קאליר און ער שמייכעלט אויפגעצויגען פאר גליק. דער פארזיצענדער האט אויך גלייך פערזעצט לייענען

די מאטיווען.

„מיט דעם דאזיגען אורטייל — הייבט אן דער פארזיצער — איז אפגעשלאסען געווארען א טראגעדיע, וואס האט ארויסגערופען — און מיט רעכט — אין יעדער אויסערגעווענליכע פערגאנגענהייט אין דער עפענטליכקייט. א חוץ די רייען שרעקליכע, זענען אין די פראצעס אויפגעקלערט געווארען די פראבלעמען פון מאראל, פון ערציהונג, וואס האבען זיך אנטפלעקט אין דער יוגענד. ס'איז דא נישט געווען די אויפגאבע פון געריכט, צו ענטשיידען די פראגען, ווען די יעגנעס איבערלעבען זיך אין זייער פריען נישט געקאנט אויפ'ן ריכטיגען וועג. דער דאזיגער פראצעס האט בעוויזען, אז בעוויזען אויף די יונגע מענשען מען געמוזט קלערען האט אין דעם שפארקען ווילען, האט און די אויסגאבע פון די עלטערען."

נאך דער דאזיגער איינלייטונג גיבט איבער דער פארזיצענדער צו דער אויס-געגעביגער טאט. צוליב דעם, וואס סטעפאן און גינטער שעלער זענען טויט-מערט געווען אין דער פאטאלער נאכט,— מוז מען זיך דערינען שטיצען אויף די ערקלערונגען פון אנגעקלאגטען. פון די דאזיגע ערקלערונגען איז קלאר געווארען אז גינטער שעלער איז געווען די טרייב-קראפט, קראנץ דאגעגען איז מיטגעשלעפט געווארען פון זיין חבר. דעם מארד-טאט איז בעגאנגען שעלער. קראנץ איז געווען פאסיוו. אויב אפילו מ'זאל אפילו זיין, אז ער האט צוגעשאסען די טיר, קען מען דאך איהם גלויבען, אז ער האט גערעכנט, אז פעטער איז שוין מעהר דארט נישטא. דער פארזיצענדער האט אויסגעפיהרט: „דער אנגעקלאגטער איז נישט פריי פון פער-דאכט, אבער צוליב מאנגעל פון באווייזען מוז מען איהם בעפרייען".

דער אורטייל איז אויפגענומען גע-ווארען מיט בעגייסטערונג דורך דער גאנצער בערלינער בעפעלקערונג.

קראנץ איז שוין טאקע אויף דער פרייע. הילדע שעלער קען זיך נישט קיין עצה געבען מיט די תהומות און פילם-אפערטען. אבער דייטשלאנד, דאס גאנצע דייטשע פאלק, האט ערשט אנגעהויבען צו משפט'ן די שולדיגע אין דאזיגען פראצעס און דער אורטייל וועט אויספאלען נישט גינסטיג פאר די עלטערען, לעהרער און שילער זעלבסט.

רעגירונג פון מארשאל פילסודסקי וויל זיך שטיצען אויף דעם מיטעל-שטאנד.

רעדע פון האנדעלס-מיניסטער קוויאטקאווסקי אויף א וואהל-מיטינג פון רעגירונגס-בלאק אין לעמבערג.

לעמבערג. — ווייטער אין דער פער-גרעסערטען אין גרויסען זאל פון קינא „לעה" א וואהל-פערזאמלונג פון דער 1-טער ליסטע (סאנאציע), אויף וועלכער עס האט גערעדט דער האנדעלס-מיניס-טער קוויאטקאווסקי. צוליב דעם, וואס מיניסטערען רעדען פאר אונז זעלטען, איז כדאי צו געבען די רעדע אויספיהר-ליכער.

די פוילישע געשיכטע לערנט אונז — זאגט מנג. קוויאטקאווסקי — אז, מיר האבען אין די צייטען פאר פוילען'ס צוזאמלונג בעוויזען א סך העלדען מוטה. מיר זענען אבער אויך פעהיג געווען נישט קיין קלוגע פאליטיק, וועלכע האבען דער-פיהרט צו פוילען'ס טיילונגען אין ווען פוילען איז נאך דער וועלט מלחמה ווידער פריי געווארען, האבען זיך די פירער גלאנץ אמאל אומגעקערט, אז זיי האבען אונז דערפיהרט צום אונטערגאנג. דאס האבען גענומען די פארטייען פערגעסען, וואס מיר קענען זיך פון דעם 17. און 18. יאהרהונדערט. ווען עס האט געהערשט די פארטיי-רעגירונג, זענען אלע די אלע מען געטאן, מען פערשוואנדען האט פאמפלאגער, אבער ווען עס איז שוין געווארען, האט זיך די שלעכטע ווירטשאפט אנגעהויבען פון דעם טאג. איך וויל נישט ערמאנען און קען פרטים, אבער דער אמת, אז די עקאנאמיע האבען געטריבען צו וועלען די רעגירונגס פראבלעמען, האבען שוין געבראכט די מלוכה אונטערגע-טען.

די היינטיגע רעגירונג — זאגט מי-ניסטער מיניסטער — האט געוואונען מאראליש און מאטעריעלע כחות פאר פוילען אין האט פערבעסערט קודם כל די ווירטשאפטליכע לאגע און דער מלוכה אין דאך דעם היינט מארשאל פילסודסקי, וואס פרובען דאס צוצולייגען. מיר האבען געווארנט פאר דער אומגליקלעכער פון דער פוילישער קלאסע אין צווילזאציע און אינדוסטריע, אויפ-געהויבען די אינדוסטריע, דעם האנדעל, די לאגע ווירטשאפט, די אמאליגע בבנות וואס האבען געדראהט דער מלוכה פון אויסלאנד, עקזיסטירען נישט מעהר. מיר האבען נעגעבען און דער רעגירונג לויט דעם אויף דעם שטעל פון די מערב מלוכות. זיי האבען אויפגעבלוהט א ריזיגע וועג, וואס זיי האבען זיך געשטעלט אויף דעם מיטעל-שטאנד און אויף אנהם וועלען מיר שטיצען, וויל ער פערטראגט מלאכה וועג-פערטיג פתות.

ווען מיר האבען איבערגענומען די מלוכה פערוואלטונג, איז פוילען, ווי פאר דעם סוף פון דער מלחמה און ווירטשאפט-ליכען זיין געווען צעפאלען אויף אפגע-זונדערטע געביטען און לאגען מיט פער-שאנען און לאדז און אנדערע שטעט בערווסטע שעפערישע פאבריקען, האבען אינדוסטריע פארמען בעשעדיגט פון דער פון אויסלאנד. און אנדערע געגנע-דען פון פוילען האבען מיר פערלוירען און אפגעלעגענע פוילען פון לאנד און געוואן אין רוהיג און פויהלען. דאס איז אויך גאנץ באלד אין אנדערע פראווינצען. צווי פוילען מלאכה און ווענען אין קרייז צושטעהנ-דע געווארען און קומער האט נישט געווארען ויך אויפגעלעבט. א וועלטמערט מיט פון דעם פערמעגען פון די בנקען איז און קריג תרגב געווארען און קומער האט נישט געווארען האט נאר צו מאכען. דאס איז אלץ א רעגע דער מאראלישער חלאות, וואס לאזט זיך פון אונז פרייען פון אויף דעם הינטערנען מאס.

אונטער אויף דעם פארלאמענטאריזם האבען מיר געזעהען און די אונזערע געלעגע פון קאמיסיעס, ווי אנשר סלוה-נות, מנהרשאפט, עניינים האבען זיך די פון אינטערעס רעפובליקען שטארק געווען, אבער וועגען אלטמיינונג מלוכה אונטערנעמען און פון אויף דעם פון פלענער, פון און די קאמיסיעס נער-ווען שטיל. די זשלבע, וועלכע האבען פון דער כוח פראבעג ער'ס שטאטגעל איז פער אויף די רעגינער, האבען אין די פון מלוכה'ען זיך געגעבען אונטערנעהמער-לעך הנחות. מיר האבען איז דער רעגי-גער צוגע פערלוירען און אויסלאנד דעם קרעדיט. דער ארבעטער און צוזאמען געפראכטען געווען, דער רעגירונג פעאט-טער איז פערלוירען געווארען און יאהר 1925 מיר האבען צבער, אז די האלבע צייטען וועלען שוין נישט צורוקקומען.

די רעגירונג האט און ווירטשאפטלי-כער רילמאנג געמאכט א חובען שוים פאראלים אין צוגעמאכט אינטערנאציאנאלע בעוויזען, וואס נאראנטירען דעם וועלט שלום. אויף דעם אינערליכען ארבייטס געביטען האבען זיך די לאגע צו בעסערן. מיר געמען אויף זיך די פוילען אחריות פאר דער טעטיגקייט פון מארשאל פולסודסקי, וועלכער האט אונז געהאלטען פוילען אהער אויסגעריסען פון פאר א פאר הונדערט יאהר (אפל.)

איך וויל אפשאצען די שלעכטע ווירט-שאפט פון די עטלעכע נאציאנאלע, אין מיר זאגען, אז די סבה פון דעם שלעכטען איז געווען די נישט הנרזמא-נישע ארבייטן פון די פערשידענע מי-ניסטעריען, וואס יעדער האט געהאנדעלט פאר זיך אליין. מען האט אין זיך געהאט פערפאלען אינטערעסען און פערגאלעטסענע ווירטשאפט מלוכה עניינים. איך מוז זאגען בעצאלען פאלקער, אבער קונגער קען אונז נישט פארלאזען, אז מיר האבען דאס געטאן מיט פונה.

עס זענען ארויסגענומען געווארען 400 פערארדנונגען מצד דעם מלוכה פרעזידענט, וואס האבען איבער די כובה פון די בירגער, צו, צערעדע דעם אינטערנאציאנאלען, פערשייטונג, האט ער פון א פאנאנציעלען ראט, האט אויס פייגען פון די שטעט, סאמאוולאדציע פון לאנדשאפט, אגראר-שוציונג פאר אינדוסטרי, דאס גלייכגעוויכט פון בירזשען, אויסשפארונגען, פאר-פערמיגען אויסלענדישע הלואות און אויך דער אנהויב פון לאגער-פערמעגענס הלואות, דאס האט דערפיהרט צו דער בויאונג מינקעס און פאמאוישע, ווארשא, קראקא און אנדערע שטעט. עס איז טלעגער געווארען דער דיסקאנטא-פראמ אין די פוילישע הלואה פאפירען זענען אין די לעצטע 12 חדשים געשטיגען פון 20 ביז 25 פראצענט. א ווענטשער טייל פון דער ארבייטסלאזיגקייט איז געפאלען.

הגלנע דעם עקספארט איז דער ראלע פון קרעדיט-פערמיגען אויף אויפטיהרען, און די בעלי-הבית מוז האבען רעגירונגען פאר א שלעכטער צייט, און מען אויך האבען די מלוכה רעגירונג-פאנדען; דרוסענגם וויל די רעגירונג פערשטעקען די לאגע פון די מלוכה-בעאמטע. מען מוז גע-דענקען, אז דער ארבייטס-לויהן אין פוילען איז פולנער ווי אנבערעל. עס מוזען אין דער הערכיה געשאטען ווע-רען פרינציפיעלע ענדערונגען. די מלוכה ערבייט מוז העכצער אזוי ווערען. עס מוזען אויסגעבויט ווערען די זעלבסט-פערוואלטונגען. אין יאהר 1928 וועלען געשאפען ווערען ארבייט און אנדערע רעקזשען.

צום סוף האט ער זיך פערגעשטעלט אלס קאנדידאט פון דער שטאט לעמ-בערג צום סיים און האט פערלאזט דעם זאל.

פון טאג צו טאג.

17 און 18.

צו אונזערע פרייער און צו אַלע אידען אין גאַליציען זאָגען מיר:

— שטימט אין אייערע מקומות נאָר אויף דער איינציגער אידיש־נאַציאָנאַלער ליסטע נומ' 17!

לאָזט זיך נישט פערפירען פון רעכטע אָדער לינקע אַסימילאַטאָרען, לאָזט זיך נישט פערשטעריסען צו הערן ראַט פון ווי־לעקאַזע און אונטערגעוואָרפענע מה־יפית־זינגער, וועהלט אייערע אידישע פאַרשטעהער, וואָס זאָלען פערטיידיגען אייערע אינטערעסען.

אידען פון גאַליציען! איהר לעבט יאָהרען לאַנג אונטער אַ פּאַרלאַמענטאַ־רישען רעזשים און איהר זענט, אויפ'ן גרונד פון אייער ערפאַהרונג, שוין לאַנג געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אַ־בעסטע פערטיידיגען אייערע אינטערע־סען נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע אידישע פאַרשטע־הער — ווייטער־זשע דעריבער אויך איצט נישט אָב אויף קיין זייטיגע וועגען.

צובראָקעלט אויך נישט אייערע שטי־מען. איהר ווייסט דאָך, אַז די אַנדערע אידישע פאַרטייען האָבען נישט קיין אויסזיכטען דורכצופיהרען זייערע קאַנ־דידאַטען, און מיר מעגען דיך נישט ער־לויבען דעם לוקסוס פון וואַרפען אַנגע־רע שטימען גלאַט אין דער וועלט אַריין, כדי די אַנדערע זאָלען קענען דערנאָך זאָגען, אַז זיי, וואָס האָבען קיין קאַנדידאַטען נישט דורכגעפיהרט, האָבען דאָך בעקו־מען אַזויפיעל און צוויפיעל שטימען.

אונזערע פאַרשטעהער האָבען אין סיים צו ערפילען אַ גרויסע אויפגאַבע, ווי דאַרפען פערטיידיגען די בלוטיגע אידישע אינטערעסען, און עס איז אַ פערברעכען אַרויסצוואַרפען לאַבוד יעדע אידישע שטימע, וואָס קאָן דעציידירען וועגען גורל פון אייער אויסדערוועהלטען.

און דאַסזעלבע זאָגען מיר צו אַלע אי־דען פון געוועזענעם קאָנגרעס־פוילען און פון די קרעסען, וועלכע מיר פאָדערן בסדר אויף צו שטימען פאַר דער ליסטע נומ' 18.

אויב אונזער נאַציאָנאַל־פאַראַלאַם פונקציאָנירט איצט נישט, צוליעב דער ערדער וועגער סבה, ווי געהעריג, האָט איהר אָבער דאָך נישט איינמאָל געהאַט די געלעגענהייט צו הערן און צו בעקע־נען זיך מיט די אמת'ע מאָטיוועט, וואָס האָבען בעוואוסט צו שליסען דעם מינ־דערהייטס־בלאָק.

עס האַנדעלט זיך הויפּטזעכליך און קודם־כל וועגען אָבטשאַפען די שפּיצען פון לופּאַקלאָסקי'ס והאַל־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געוואָלט צונעהמען ביי אונז די מעגליכקייט צו האָבען כאָטש וועלכע עס איז אָנזעהעוודיגע פערטרעטערשאַפט אין סיים, וועלכע זאָל ווי עס איז פער־טיידיגען אונזערע אינטערעסען.

מיר שפּירען דעם צאָרן פון דעם גרע־סטען טייל פון דער אוקראינישער בעפעלקע־רונג אין פוילען נעגען די בלבולים מצד די מגולים פון 33, וועלכע רעדען וועגען אונזער נישט־לאָיאַליטעט. אויב זיי זאָגען דאָס נישט בפירוש, אין טענה צו לייגען צו זייערע הערעס און צו לייגען זייערע בילכש וועגן זייער כמעט אויך לאָ־יאַליטעט צו דער פוילישער מלוכה־שאַפט. און עס איז דאָך בעוואוסט, אַז אין וועלכע פאַלען איז משהו ווי ערגעץ אַנ עדש אָנגעוואַנדט דער כלל פון ,,מכלל הן אתה שומע לאו"... מיר וואַרפען אָב סטער ווי מיט עקעל אַזעלכע דירעקטע אָדער נישט דירעקטע בעשולדיגונגען אויף אונזער אַדרעס.

מיר האָבען אויך נישט איינמאָל אונ־טערגעשטראָכען, אַז דאָס שאַפען דעם מינדערהייטס־בלאָק בעדייט נישט קיין מלחמה־ערקלערונג דער איצטיגער רעגיע־רונג און אין קאַמף געגען דער דעמאָראַ־ליזירענדער און דעמאָראַליזירטער ענדע־ציע וועלען מיר שטענדיג שטעהן אין די ערשטע רייהען, ווי, איבעריגענס, מען וועט זיך איבערצייגען באַלד ביי'ם עפע־נען פון סיים.

קאָנט זיך דעריבער נישט פערווירלען. פיהרט אַדורך אין סיים אַן סעקאָס אויס־געפּרובטע, עהרליכע, ריינע אידישע מהו־ער און פיהרער. צוברעקעלט נישט איי־ערע שטימען, ווייל קיין אַנדער אידישע ליסטע האָט נישט קיינע שאַנסען אַדורכ־צופיהרען איהרע קאַנדידאַטען. איהר מאַכט זיי אויך אייער פערטרויען נישט שענקען.

דער טאָג פון די וואַהלען איז נאָהנט. מיר קענען נישט וויסען, וויפיעל מאָל מיר וועלען נאָך האָבען די געלעגענהייט אין דער קורצער צייט צו דערנענטערן מיט אונזער שטים אין די אַלע ווינקלער פון די אידישע ישובים אין פוילען. איהר אָבער בלייבט פעסט ביי אייער בעשלוס.

און אייער בעשלוס, אידען פון קאָנ־גרעס־פוילען און די קרעסען, ווייסען מיר דאָך:

— איהר שטימט אַלע פאַר דער לי־סטע נומ' 18!

* * *

און דאָרט, וואו די ליסטע 18 איז גע־פסל'ט געוואָרען? מיר האָפען, אַז דאָס העכסטע גע־ריכט וועט נאָך פאַר די וואַהלען צוריק־שטעלען די ליסטע 18 אין איהרע רעכט אין קאָוועל און לידא. און אויב דאָס וועט נישט געשעהן?

מיר וועלען נאָך דערפון רעדען. אָבער קלאָר איז שוין, אַז דווקא אין די וואַהל־קרייזען, אויף וועלכע די לייט פון 33 רעכענען איצט אַזוי שטאַרק, וועט קיין איין אידישע שטימע פאַר זיי נישט אָב־געגעבען ווערען.

א. גאָלדבערג.

דער רב־הכולל פון ענגלאַנד וועגען דער ענדע־קישער אַנטי־שחיטה־פּראָפּאַגאַנדע אין ווארשא

דער רב הכולל פון ענגלאַנד ד"ר י. ה. הערץ, האָט צוזאַמען מיט דער אידישער מע־לערראַטען און פּאַרלאַמענטאַרישער פּרעסע־רונג אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פער־שאַרפטער אַנטי־שחיטה־פּראָפּאַגאַנדע, וואָס ווערט איצט געפיהרט אין ווארשא. ווי בעקאַנט, ווענדען זיך אין דער אַנטיסעמיטי־שער פּרעסע געווען צוזאַמען אונגעהערע פער־שפּרייט קלאַנגען, אַז אַ געוויסער דאָק־טאָר האָט געפונען אַ מאַשין, וועלכע איז ביכולת צו פערבייטען די שחיטה און אַז ד"ר הערץ האָט זיך אַרויסגע־זאָגט פאַר ענדערען דעם סיסטעם פון דער שחיטה, ברענגען די שחיטה וואָס איז איינגעפיהרט צו פערהאַנדלען אין ענגלאַנד, און אַזוי ווייטער.

ענטגעגענגעזאָגט אויף אַ אָנפראַגע פון ווארשעווער ראַבינער פּראָפ' מ. שאָר, שרייבט דער רב הכולל פון ענגלאַנד ד"ר. י. ה. הערץ אָפיציעל פאָלגענדעס:

,,ווייטגעהענדע מאַשין, וועלכע ווערט נאָך דערשט אויסגעפּראָבירט און קען נישט גע־נומען ווערען אין בעטראַכט פאַר פּראַק־טישע ציועקען, האָט נאָך די אויפגאַבע אָנצוערצוועלען די בהמה און דער פּאַזי־ציע, וואָס איז בויטיג לויט די דינים פון דער שחיטה. די בעהאַנדלונג פון אַ מאַשין אָדער אַ מיטעל, וואָס זאָל שטערען אָדער אָבשאַפען דעם אָקט פון שחיטה אַליין, וואָלט, נאַטירליך, געפּסל'ט די שחיטה און האָט פליישׁ פון די בהמות וואָלט גע־ווען טריף.

,,די קלאַנגען,— שרייבט ווייטער רב הכולל ד"ר. הערץ,— אַז איך אַליין אָלס רב־הכולל אָדער דער לאַנדאַנער בית־דין זאָל האָבען מתיר געווען די בעהאַנדלונג פון עפעס אַ נייעם אינסטרומענט כדי צו פערבייטען די שחיטה, צו משפּטיגען אָבער פאַקט נישט דער ווירקליכקייט און זענען א פאַלשער אבטיחה. די בלומרישע נייעסטע ווערסיע פון עפעס אַ נייעם סיסטעם וועגען שחיטה, וואָס איז מען שילדערט פאַר אלס די בעזוואָנדערע מיטעל פון די קריסטליכע בעהאַלטנער, איז אין ערגעץ נישט געווען פון ערגעץ נישט אויפ'ן אויגענשיין נאָר גערופען און אַבער ערשט דערשמעלקערען, די ערשטע שפּיצע פון דער שחיטה פון זיך דער ערגעץ אויך אָ פיזיאָלאָג"...

ושטערען די בעהייליגטע און אורזאַלטע אַבהימוגנג פון דער שחיטה, וואָלטען גע־ווען אַ גרויסאַמער קלאַפּ פאַר דער אידי־שער סעמעלקערונג און וואָלטען פאַקטיש בעדיים אַ שווערע רעליגיעזע פערהאַל־גונג".

ענטגעגענגעדיג אויף אַ ווייטערע אָנ־פראַגע פון פּאָרזיצער פון דער אידישער קהלה אין ווארשא, ה' פאַהנשטיין, שרייבט הרב־הכולל ד"ר הערץ:

,,איך ערקלער קאַטעגאָריש. דאָס עס איז נישט אמת, אַז אין ענגלאַנד זאָל די שחיטה זיין פערבאָטען. נישט די מלוכה און נישט די שטאַדט־פערוואַלטונגען מאָ־כען נישטס וועלכע עס איז שווערינקייטען דער אַבהימונג פון דער שחיטה, און אַלע ידיעות, וואָס זאָגען דעם היפך פון דעם, זענען אַ פעלייהדיגונג פאַר דעם פרייען ענגלאַנד און אַ חבילות זשטען דעם ענגלי־שען פאָלק".

א שוידערליכע שחיטה אין א מאַסקווער סטודענטען־היים

א שוידערליכע טראַגעדיע האָט זיך די טעג אָבגעשפּילט אין איינער פון די סטו־דענטישע היימען אין מאָסקווע. איינער א סטודענט פון ארכיטעקטור־פאַקולטעט, סאַמאָבוואַלאָוו, האָט דערהרג'עט דריי סטודענטינס, אַ סעדינערין, אַ ברודער פון אַ צווייטען סטודענט און דאַן האָט ער זיך אַליין דערשאָסען.

די הייזיגע שרעקליכע שחיטה איז פאָרגעקומען ביי פאָלגענדע אומשטענ־דען. דער סטודענט סאַמאָבוואַלאָוו איז פריהער געווען אַ ,,בעזפּריזאָרניק", ד. ה. איינער פון דער סיליאָנען אָרעמע עלענדע, פערוואָרלאָזטע קינדער, וואָס שלע־פען זיך אַרום אויפ'ן גאַנץ רוסלאַנד נאַ־קעטע און הונגעריגע, און וואָס מען קאָן צומאָל נישט פעסטשטעלען ווער זיי זע־נען. ער איז אָבער געווען צווישען די זעלטענע אויסנאַהמען, וועמען האָט מען האָט געגליקט. מען האָט איהם אַריינגע־נומען אין אַ געוויסלשאַפטליכען ערציה־הונגס־אַנשטאַלט, און נאָך עטליכע יאָהר איז ער אָנגעקומען אַלס סטודענט אין מאָסקווער אַרכיטעקטור־פאַקולטעט. דאָרט האָט ער זיך איינמאָל בעפריינדעט מיט אַ סטודענטין ישורא ק., וועלכע האָט אויך געוואוינט אין דער סטודענטישער היים. ער פלעגט לעבען מיט איהר צוזאַ־מען. געוואַהרט האָט זיך דער חודש וואָס זיי האָבען ביידע חתונה געהאַט. אָבער אַלע חברים, די איינוואוינער פון דער היים, זענען געווען געגען דער דאָזיגער חתונה, זיי האָבען געהאַלטען סאַמאָבוואַ־לאָוו'ן פאַר אַ מחות, אַ רוסטשריקער, און זיי האָבען געוואָרענט ישורא'ן, זי זאָל מיט איהם זיין פאַרזיכטיג.

דערווייל האָט ישורא זיך בעפרייט פון שטע־לע בעשעפטיגונגען אין שטאָרם, און זי האָט אַנגעהויבען קומען אהיים שפּעט. עס איז בכלל קענטיג געווען, אַז איהר איינטערעס צום מאַן ווערט ביסלעכווייז וואָס אַ מאָל אַלץ קלענער. דאָס האָט פּיראטר'ן, הגם מאַן, שטאַרק געערגערט, און פון צייט צו צייט פלעגט ער איהר מאַכען שרעקליכע איינפערזוכטס־סצענעס.

פערגאַנגענעם אַ טעם אויף די חברים און הבר'טעס, וועלכע האָבען איהם פאַר זיין ווייב פער'מיאוס'ט, האָט סאַמאָבוואַלאָוו בעשלאָסען זיך נוקם צו זיין. דערביי איז זיין נקמה־הרגשה געווען אַזוי אכזריותדיג, אַז ער האָט בעשלאָסען צו דערהרג'נען אַ צוויי־יאָהריג קינד פון אַ סטודענטין, וועלכע ער האָט געהאַלטען פאַר'ן הויפּט־חייב. די טעג, פרימאָרגענ נאָכמיטאָג אַהיים מיט דעם ווייב, האָט ער ווי קיינמאָל נאָר־נישט, זיך געזעצט לעזען אַ בוך. די פרוי איז אַריין און צווייטען צימער צו אַ חבר'טע לערנען. בלייבענדיג אַליין, האָט סאַמאָבוואַלאָוו אַרויסגענומען פון אונ־טער'ן קישען זיין רעוואָלווער און איז אַריין אין צימער פון דער סטודענטין ל., דער מוטער פון קינד. דאָס קינד איז גע־זעסען אין זיין בעטעלע און זיך רוהיג גע־שפּילט מיט זיין ניאַניע. אַריינקומענדיג אין צימער, האָט ער אַרויסגעשאָסען דעם רעוואָלווער און אויסגעשאָסען אויפ'ן קינד. אָבער די ניאַניע האָט מאָמענטאַל מיט איהר קערפּער פערשטעלט דאָס קינד און האָט אַליין געקריגען אין קאָפּ די קויל. זי איז געפאַלען טויט אויף דעם אָרט. בעזיסענדיג מיט איהר בלוט דאָס געראַטעוועטע קינד. דערשרעקט די שיכנים, זענען פון די זייטיגע צימערען אָנגעלאָפען מענשען. ווי די האָבען געוואָלט עפענען די טהיר, אָבער דער מערדער האָט פון זיין פערשלאָסען.

— אַבי מאַכט עפען איך,— האָט ער געשריען אויף דער קאָלאָנעריי און מהיר.

ער האָט געעפענט דער שמאָל די מהיר און דערנאָכהעטדיג זיין ווייב, האָט ער אין איהר אויסגעשאָסען, אָבער געטראָפען האָט די קויל אַ צווייטע סטו־דענטין וואָלאָסאָוואַ. אַלע האָבען גע־נומען זיך פערגראָבערן, אָבער סאַמאָ־בוואַלאָוו האָט זיך געלאָזט זאָגען נאָך זיין ווייב. ער האָט זי געכאַפּט און ווידער אויסגעשאָסען אויף איהר, אָבער זיין האָנט האָט אַזוי געציטערט, אַז אויך דאָס מאָל האָט די קויל נישט געטראָפען. די פרוי האָט ווידער געגוזמען ענטלויפען און ער האָט זי נאָכגעיאָגט. אָבער דער־ווייל איז צוגעלאָפען איהר צו הילף אַ־אַנדערע סטודענטין, שלוגאָוואַ, אָבער זי איז מאַכט געפאַלען טויט פון אַ קויל אין האַרצען. פון אַ אַנדער צימער איז אַרויס־געלאָפען דער סטודענט באַבאַיעוו, וועלכע לענגדיג האַמטעווען די פרוייען, אָבער אויך ער איז תיכף געפאַלען אַ טויטער. די פרוי פון מערדער האָט דערווייל בעוויזען אויסצוגוואָרעווען די מהיר און אַרויסצולוי־פען פון קאָרידאָר. דאַן, בלייבענדיג אַליין, האָט סאַמאָבוואַלאָוו די לעצטע קויל פון רעוואָלווער אַריינגעשאָסען צו זיך אַליין אין מויל אַריין.

די דאָזיגע מאָרדזשע דראַמע האָט אַפּילו אין מאָסקווע, וואו די בראַניק איז כמעט רייך מיט אַלערליי איבערליישע מאָרדען, געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק. עס איז סתאי צו בעמערקען, אַז אין די כמעט־טעגליכע היימען פון מאַסקווער אַלערליי מאָרד־געשיכטען איז'ן באָדען פון ליבע, איינפערזוכט און גרינגע שראַפּיק געוואָרען אַ געוועהנליכע ערשיינונג. אין דער וועלכער סטודענטישער היים, וואו עס האָט פּאַסירט די דאָזיגע טראַגעדיע, זע־נען שוין פאַר דער לעצטער צייט פאָר־געקומען איינציגע מאָרדען און זעלבסט־מאָרדען. און עס איז דערביי קיין הידוש נישט, וואָס אַפּילו אין דער קאָמו־ניסטישער פּרעסע הערען זיך שטימען, אַז עס וואָלט אפשר גלייכער געווען אָב־צושאַפען די געמיינזאַמע סטודענטישע היימען פאַר מענער און פרויען. פ.

די פערווענדונג פון די 100,000 דאָלאַר, וואָס נאַטאַן שטרויס האָט מנדב געווען

דער בעקאַנטער אידישער פילאַנטראָפּ נאַטאַן שטרויס, וואָס האָט לעצטענס צו זיין 80־יעהריגען געבורטסטאָג מנדב גע־ווען, ווי בעקאַנט, הונדערט טויזענד דאָ־לאַר למתנת דעם ארץ־ישראל אויפבוי, האָט איצט צוגעשיקט א דעפּעשע צו דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער עק־זעקוטיווע פּרופ׳ העבריטע ווישלער, און וועלכער ער ווייזט אָן, אַז 50.000 דאָלאַר זאָלען פערווענדעט ווערען אויפ'ן גע־זונדהייטס־צענטער, וואָס ווערט געבויט אין ירושלים, אויפ'ן נאָמען פון מנדב, האָבען די איבעריגע פופציג טויזענד דא־לאַר דאַרפען פערווענדעט ווערען כדי צו ליינדערען די אַרבייטסלאָזיגקייט. אין דער דעפּעשע שרייבט נאַטאַן שטרויס, צווישען אַנדערען:

דער אידעאַל פון ווידעראויפבוי פון דער אידישער היים האָט מיך בעגייסטערט שוין זייט פיעל יאָהרען. איך האָב דערווי־בער נישט געפונען קיין אַנדער בעסערן ווי אַזוי אויסצודריקען דעם אויסערשטען מיין דאַנקבאַרקייט וועלכע איך האָב, וואָס ער האָט מיר ערלויבט האָט לעבען ביז 80 יאָהר, ווי דורך מנדב זיין אַ טרעכערע קו־מע פאַר חשבון ארץ־ישראל־אויפבוי. צו מיין עגבורטסטאָג האָב איך בעקומען א געטשליכע גליקוואונשען פון מיינע פריינד, אויב זיי זענען פרייער פון ציון, וועלען זיי מיר שאַפען די גרעסטע פרייד־ערמים, וואָס זיי וועלען פערשטאַרקען זייער אָבגעגעבענקייט פאַר דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל. (יטאַ).

די פייערליכע עפענונג פון דער אידיש. קאַטעדרע ביי דער אוקראַ־אינישער וויסענשאַפטליכער אַקאַדעמיע

אין נייעם בנין פון דער אוקראינישער וויסענשאַפטס. אַקאַדעמיע אין קיעוו איז פאָרגעקומען די פייערליכע עפענונג פאַ דער קאַטעדרע פאַר דער אידיש. קולטור. דער גרויסער זיצונגס־זאַל פון דער אַקאַ־דעמיע איז געווען איבערגעפילט מיט גע־לעהרטע און פאַרשטעהער פון פערשיע־דענע מלוכה׳שע און געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס. פון כאַרקאָוו, מינסק, אדעס און אַנדערע שטעדט, זענען געקו־מען צו פאָרהען ספּעציעלע דעלעגאַציעס כדי זיך בעטייליגען אין דער פייערונג.

דער פּאָרזיצער פון דער אוקראינישער וויסענשאַפטליכער אַקאַדעמיע פּראָפּעס־סאָר ליפּסקי, האָט אין זיין רעדע בע־טאָנט, אַז די אידישע און אוקראינישע קולטור ווערען אויסגעבויט אויף דעם גע־מיינזאַמען פּאָדען פון סאָציאַליזם. אין נאָמען פון דער אַלוקראינישער וויסענ־שאַפטליכער אַקאַדעמיע, האָט געהאַלטען א בעגריסונגס־רעדע פּראָפעסאָר פּריג. נאָך די צאָהלרייכע בעגריסונגען האָט גע־האַלטען אַ רעדע דער לייטער פון דער אידישער קולטור־קאַטעדרע פּראָפעסאָר ליבער־בערג, וועלכער האָט אָנגעוויזען אויף דער גרויסער בעדייטונג, וואָס די בייגעגענ־דענע קאַטעדרע וועט האָבען פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער איינינונג פון די וואַ־קראַינישע און אידישע אַרבייטער־מאַ־סען.

צו דער פייערונג זענען אָנגעקומען הונדערטער בעגריסונגען פון דער גאַנ־צער וועלט. די אידישע קאַטעדרע האָט שוין אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן צו אָרגאַני־זירען אידישע סעקציעס ביי די מלוכה'שע אוניווערזיטעטען. עס וועט אויך געשאַפען ווע־רען אַ אידישע סעקציע ביי דער אַלאוי־קראַינישער אַקאַדעמישער ביבליאָטעק.

42,000 פונט פאַר'ן קרן היסוד אין חודש יאַנואַר

די הכנסות פון קרן־היסוד אין משך פ'ן חודש יאַנואַר האָבען בעטראָפען 42,006 פונט. אין פערגלייך מיט דעם חודש דעצעמבער זענען די הכנסות פון דער לופט־דירעקטאָריע פון קרן־היסוד, געשטיגען מיט 1,712 פונט.

פּראָפ. אלבערט איינשטיין פאָהרט נישט קיין ירושלים

בערלין (יטאַ.) אין צוזאַמענהאַנג מיט די ידיעות, וואָס האָבען זיך בעוויזען אין איינינע ציימונגען אַז פּראָפעסאָר אל־בערט איינשטיין האָט בדעה אין קורצען אַרויסצופאָהרען קיין ארץ־ישראל כדי פּאַרצולעזען א ריידע לעקציעס אויפ'ן העברעאישען אוניווערזיטעט ווערט די אידישע טעלעגראַפען־אַגענטור געוואויר אַז די דאָזיגע ידיעות זענען נישט ריכ־טיג.

פון דער גאַנצער וועלט.

4200 בלומען־סאָרטען אין אייראָפּא.

פון ניצא האָט מען הידער אַנגעהויבען צו שיקען אין אַלע אייראָפּעאישע הויפּט־שטעדט ריזיגע מאַנגען מיט העדליכע בלו־מען, ווי נעלקען, רויזען, מימאָזען, סאָר־געריטען. קיין וויען וועט מען אפילו ברענ־גען די בלומען מיט'ן עראָפּלאַן. אויך פון האָלאַנד קומען־אַן ריזיגע טראַנספּאָרטען מיט בלומען. לויט'ן חשבון פון דעם פראַנ־צויזישען בלומען־זשורנאַל ,,פלאָרא", זענען איצט פאַרהאַן אין אייראָפּא 4200 סאָרטען בלומען, דערפון זענען נאָר 420 סאָרטען שמעקעדיגע, דאָס הייסט, אַ צעהנטעל. לויט די פאַרבען זענען די בלומען אַזוי פער־טיילט: 1194 ווייסע, דערפון 187 מיט אַ שע־נעם דופט, 959 געלע, 283 סאָרטען רויטע, 594 בלויע בלומען. עס זענען פאַרהאַן 308 סאָרטען בלומען, וואָס האָבען אַ'ן עקעלדי־גען גערוך, און אַ מענש קאָן זיי נישט פערטראָגען. ווען מען זאָל נאָר קענען צו־רעכנען די בלומען, וואָס וואַקסען אין אַלע וועלט־טיילען, קאָן איינעם אָנהויבען צו שווינדלען פאַר די אויגען.

דער גרעסטער הידראָפּלאַן אין דער וועלט

אין ענגלאַנד האָט מען איצט געענדיגט דעם גרעסטען הידראָפּלאַן אין דער וועלט. די וואַסער־פליה־מאַשין איז געבויט אונגאַנ־צען פון מעטאַל און דאַרפען קאָנען פאָה־רען 15 פּאַסאַזשירען. אויף דער שיף געפינט זיך אַ בופעט. דער הידראָפּלאַן וועט קורסי־רען אַרום די ברעגען פון ענגלאַנד.

א סאָוועטישער האָטעל אין בערלין

די סאָוועטישע רעגירונג האָט איצט איינגעאָרדענט אַ ספּעציעלע שולע פאַר די רוסישע קינדער, וואָס לעבען אין בערלין. איצט איז מען צוגעטרעטען אויפצובויען אין בערלין אַ סאָוועטישען האָטעל. דאָס וועט זיין אַ 5־שטאָקיגע געביידע, וואָס איז איינגעאָרדנט מיטן גרעסטען לוקסוס, מיט קאַלט און וואַרעם וואַסער אין שטוב און זעהר חיימער. ספּעציעלע צימערען וועלען זיין פאַר סאָוועטישע דיפּלאָמאַטען, וואָס וועלען דאָרט אונקעהרען. דער האָ־טעל ווערט געבויט, כדי צו איזאָלירען די סאָוועטישע קוריערען פון די רוסישע עמיגראַנטען.

געפונען אַ'נאוצר אין דער לענינגראַדער ביבליאָטעק

אין דער עפענטליכער ביבליאָטעק פון לע־נינגראַד האָט מען געפונען אַ זעלטענעם אוצר. אין אַ פערהאַרפען ווינקעל האָט מען זיך אָנגעשטויסען אויף אַ'גאַנץ פּעקעל כתבים. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דאָס איז אַ גריכישע איבערזעצונג פון די עלטעסטע פּערסישע און אַראַבישע פאַלקס־לי־דער. דער כתב־יד פערנעהמט 45 בויגען. דערביי זענען אויך אַנגעקומען די נאָטען. דאָס איז די עלטסטע זאַמלונג פון אַראַבי־שע און פּערסישע לידער, וואָס געפינט זיך אין דער גאַנצער וועלט.

קריציע פאַר אַפּיצירען, וואָס ווילען חתונה האָבען

אין אונגאַרן איז איצט איינגעפיהרט געוואָרען, לויט דער נייעסטער פעראָרדנונג פון דער רעגירונג, אַז יעדער אָפּיציר, וואָס וויל חתונה האָבען, מוז בייליגען אַ קויציע. אָפּיצירען יונגער פון 30 יאָהר מוזען צאָהלען אַ פיעל גרעסע קויציע, ווי די עלטערע הערען.

מיליאָנערען אין ענגלאַנד

לויט די לעצטע סטאַטיסטישע אויסרעכ־נונגען, געפינען זיך איצט אין ענגלאַנד 562 מיליאָנערען מיט אַ יעהרליכער הכנסה פון 50 טויזענד פונט. 138 פּערזאָן פער־דינען צו 100 טויזענד פונט אַ יאָהר. דאָס נאַציאָנאַלע אייגענטום פון דער מלוכה האָט זיך אין לעצטען יאָהר נישט פערגרעסערט.

ב. ח. ריין

דער ווידוי

— ראָמאַן —

(88)

אירענע האָט נישט געדאַרפט צו די לייבמיזיגיגע און לייכטזיניגע מיידעלער, וואָס עטוואַרין און יונקערלען און ווייערע מיי־גינגען, אַזוי ווי ווייערדע הויטען און העגד־שיקעס. אירענעס איז קאָנסעקווענט פער בלייבען ביי איהר מיינונג וועגען פעליק־ס'ן. זי האָט זיך נאָר איהם בעצויגען מיסטריאַזיש, זאָגאַר מיט פעראַכטונג, און די דאָזיגע בעציהונג אידרע איז די לעצטע צייט אָבגעשוואַכט פערשאַרפט געוואָרען צוליעב אַ קליינינקייט, צוליעב אַ נייץ. וואָס פעליקס האָט זיך אין אַ פערגעבעל־מען העסליכען טאָג: איך בין, ווי געווענ־ליך, געגאַנגען היין און צוריק איבער דעם יאָהבינעם, און אירענע האָט געשריבען אויף דער שרייב־מאַשין דאָס, וואָס איך האָב דיקטירט. דערוויילע איז אַריינגעקו־מען פעליקס, ער האָט זיך בעשעפטיגט אויף מיין שרייב־טיש די בעשטעלונגען, וואָס ער האָט אָנגענומען, און האָט זיך הערביי אָנגעהויבען מיט זיין גאַרטיליכער און גע־צוואונגענהייט:

— הי ביזט אַ גליקליכער מענש, ה' פּריוואַטיסט.

— מיט וואָס?— האָב איך געפרעגט און בין געבליבען שטעהן הינטער אירע־גאַ'ן, איבערראַשענדיג אויף אַ ווייטע דאָס דיקטירען.

— וואָס הייסט, מיט וואָס?— האָט פעליקס לעכהאָפט געשמייכעלט.— אין חרויסען איז קאַלט, נאַס, וואַלקענדיג, און דאַ אין קאַבינעט שטראַהלט די זון...

איך האָב זיך מיט פעליקס'ן איבער־געקוקט, און מיר ביידע האָבען שמייכע לענדיג אַ קוק געטהאָן אויף אירענאַ'ן. זי אָבער איז געזעסען און אייננעבויגען איבער דעם ,,רעמינגטאָן", און האָט עטליכע מאָל איבערגעחזר'ט דאָס לעצטע וואָרט, נאָך וועלכען איך האָב איבערגעריסען דיק־טירען. נאָך דעם, ווי פעליקס איז אַרויס פון קאַבינעט, און איך האָב פער־געגעבען דעם בריעף, האָט זיך אירענע פער־וואונדערט צו מיר מיט אַ שלעכט בעהער־טען איבערגעקערטען טאָן:

— איך וויל אייך בעטען, הער לייבס־מאַן, אַז איהר זאָלט מיך פּאָרצושטעלען האָל מיט ניישט ערלויבען, צו שפּאַסען פון מיר, און צוזאַמען מיט אנדערע לאַכען איבער מיר. עס איז גאָר נישט צו רעכענען.

איך האָב נעעמט אַזוי נישט, אויסגעטראָקענט פערטראַגען, אַז אין רעדען מעהר, און אויך זי פערגעגליכען דעם איינדרוק פון מיין שמייכעל:

— ווייל איך... איך האָב אירענאַ'ס ווערטער אין בערגענבען פעליקס'ן, דאָס ער זיך אַרויסגעלאַכט, און האָט אָבגעטעבט בייט מיר זיין איינטימליכער זעלבסטפערגנין:

— יאָ, בערגאַרד, האָט איין אַ הער מער נאָך, נאָר ה', זיי רוהיג, האָב איך זיך דרוקט, און פערלאַז זיך אויף מיר. וויל געפינען דעם אנטשפּרעכענדען ,,גוט־קאָקער"...

המ... עס איז לייכט צו זאָגען, זיי רוהיג און האָב געהאָלט, וועהרענדער אין דיר בריעגט אַ ה' פייער פון לייזשי, יענעם און בעגעהר, וועהרענד האָט ווי בלוט קאָכט, ברויזט און שטראַמט אין דיר האָב אַריין, ווערט מען מיער, און מען דיר האָבען באַנצע זעלבסט־גאַמען פון דיר מאַן, אין דער הערד פון אַנשטרענגונג ווייל זיך נישט ערלויבען, וואו צו ענטפערן און צו האָפען אויף מיין רעכענונג.

איך האָב געבייטשט, און די פּאַרב פון זיך פערלויפען אויף מיין געזיכט ישעבען איינגעפאַלען, און איך האָב געענ־דערט מיט אַ געמאַכטען אויסשאַלדיגען שמייכעל:

— איך בעגרייף איינעם־אַנדערן גישט, מיט וואָס דער הערר קאַנצמאַן האָט מיך געפינען און פערבויטען, נאָך איהר מעהר נישט איבערהחזר'ן.

ווען איך האָב אירענאַ'ס ווערטער אוי־בערגענבען פעליקס'ן, דאָס ער זיך גיכ אויסגעלאַכט, און האָט אַבגעשעפט מיט מיר זיין איינטימליכער זעלבסטטפּאַזיבער גיים:

— יאָ, בערגאַרד, האָט איין אַ הער נאָך גוט, נאָר הי, זיי רוהיג, האָב איך זיך דרויק, און פערלאָז זיך אויף מיר. וועל געפינען דעם ענטשפּרעכענדען ,,גוט־קאָקער"...

— פאַרזיכטיג, הערר לייבסמאַן..

איינמאָל ווידער בין איך געפאַלען אויף גאָר אַ אַרגינעלע המצאה. פון פע־ליקס'ן האָב איך נישט איינמאָל געהערט, אַז אין די חאַמאַגען פון אַ געוויסען מין האָב איך אויך געלייענט, אַז פרויען, און מען זיי מיט אינטערעסאַנטע מעטאָדען אויף אַ טיפן־אָבענט אַנגעקומען איין אויף טויזענד, איז עס אין אַ בעקאַנטער מאַגאַזין פון וועלכען עס איז מיר מעגליך זאָל שטעקען איינציגע אויפמערקזאַמקייט אַ אַנדערער, און אַרויסצופיהרען אייגענטליך ביי דער ערשטער, און אַז אַ האָנט דער מאַגאַזינער אויף פערזוכט, זאָל זיך און איהר ערהאַלטען צו איהם אַ געפיהל פון ליעבע, הגם ווי אין פרויער געווען צו איהם פּאַלשע גלייכגילטיג.

לויט ווי פעליקס האָט מיר פערזי־כערט, און לויט די פאַקטען, וואָס ער האָט מיר דערציילט, איז איהם נישט איינמאָל געלונגען, אָבער פעליקס איז זיך מיידעל ומיט דער הילף פון דעם דאָזיגען מיטעל האָב איך ביי זיך בעשלאָסען פּרו־בען נאָך, און בעזונדערס זיך מיט אַזאַ מיטעל אין בעצוג צו אירענאַ'ן, נישט ענט־פערנדיג אַ בריעף מיט דער ליכטיגקייט אַפילו מיט פעליקס'ן.

דער דאָזיגער איינפאַל איז מיר געקו־מען אויף די געדאַנקען אין איינע פון די שלאָפלאָזע נעכט, און מאַכט טאַקע צו באַרגענס האָב איך זיך גענומען אידם פערוויקלען.

דאָס האָב נאָך זיך מיט קאָמיש געענדיגט, מיט'ן צוזאָגען פאַר דער פער אַ מאַרקע, ווידער און ווייטער, אַז גיט עס האָט באַלד נאָכ'ן שרייב מיר פערבויטען, אָבער אָבער די אויפמאַכונג האָט מיר ווייט נישט געפעלט.

— פריילין אירענע, — האָב איך געזאָגט, — איך האָב מיט אייך אַ בקשה צו פערשטייגן...

— בקשה? — האָט זי געפרעגט.

— פריוויליין שטרויסבערג, קאָן איך אייך דיקטירען אַ בריוועלע... דאָס הייסט, אַ פערזענליך בריעפעל?..

— פערזענליך נישט? וואָס איז מיר הער פאַר אַ אונטערשיד?

איך האָב עטוואָס נאָכגעהענגט אָבער סתם אַזוי, צום אַנשטעל, און האָב אָנ־געהויבען דיקטירען:

,,איינציגע, היים־בעליבטע רעגינע, גאַנצע נאַכט האָב איך אויף דיר גע־וואַרט"...

אירענע האָט פּלוצלינג איבערגעריסען קלאַפּען אויף דעם ,,רעמינגטאָן" און האָט זיך אַנגעהויבען:

— איך זעה, אַז דאָ האַנדעלט זיך וועגען אייער הערצענס־אַנגעלעגנהייט, איהר וועט מיר ענטשולדיגען, הערר לייבסמאַן. איך וויל נישט וויסען וועגען סודות. איהר וועט אַזוי גוט זיין און זאָלט אַליין שריי־בען דאָס דאָזיגע בריעפעל.

(פאָרזעצונג קומט).

א אידישע ירושה פון 100 מיליאן פונט, וואס ווערט געמשפט לויט'ן „שלחן ערוך"

די ראטשילדס פון אריענט. — די געשיכטע פון אידישער גדולה אין טראפישע לענדער. — א אידישער בעראן, וואס האט געהאט דריי ווייבער אויף אמאל, דערונטער איינע א יבמה. — דער זוהן פון דער יבמה פערפיהרט א גרויסען פראצעס.

פון אונזער קארעספאנדענט גר ותושב (קאירא)

1.

דאָס איז נישט קיין ירושה-געשיכטע פון לאָדז, וואו עס ווערען אַזוי אָפט גע- באָרען פאַנטאַסטישע מעשיות פון ריעזי- גע ירושות; קרעמע „קרובים" שלאָפען נישט גאַנצע נעכט, וואַרטענדיג אויף דעם אונגעריכטען פערמעגען, און דאָ לאָזט זיך פון דער גאַנצער מעשה אויס אַ זייפען-בלאָז. דאָס, וואָס איך וויל דאָ ווי- טער דערצעהלען, איז פולשטענדיג אמת, הגם עס קלינגט אַזוי פאַנטאַסטיש פאַר'ן אויער פון אייראָפּעער אָדער אַמעריקאַ- נער. אַזאַ געשיכטע קאָן זיך נאָר פּער- לויפען צווישען אידען אין אַן עקזאָטישען לאַנד.

די געשיכטע הויבט זיך אָן אין מיט- פישען אַראַביען, אויף איינער פון די עלטסטע וועלט-וועגען, וואו די אוראַלטע קולטורען פון צוויי מזרח'ס — פון אינ- דיען און אַראַביען — בעגעגענען זיך.

ביים אָרט, וואו עס גיסט זיך אַריין דער רויטער ים אין אינדיש-אַראַבישען ים, נישט ווייט פון באַב-על-מאַנדעב („טויער פון טרעהרען"), ליגט די שטאָדט אַ ד ע ן, דער בעריהמטער פּאָרט און די וויכטיגע ענגלישע פעסטונג. עס איז אַ טייל פון לאַנד תימן (יעמען), און דאָך געהער אַדען נישט צו איהר. נאָך מיט 100 יאָהר צוריק איז אַדען געווען אַ דאָרף, וואו עס פלעגט אַנקערן אַ זעגעל-שיף. נאָר אין יאָהר 1839 האָט ענגלאַנד אָנגענו- מען דאָס שטיקעל לאַנד פון טערקישען סולטאַן און האָט אַדען געמאַכט פאַר דעם וויכטיגסטען שטאַפּעל-פּונקט פאַר די שי- פען, וואָס געהען קיין אינדיען. און אַזוי איז אַדען פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַן ענגלישער פעסטונג, אין אַ פּאָרט פאַר די ענגלישע קריעגס-שיפען. אַן ענגלישער גובערנאַטאָר בעהערשט די שטאָדט און דעם קליינעם שטח לאַנד אַרום, מיט דעם שכנות'דיגען אינזעל פּערים, און אַלע צוזאַמען שטעהען אונטער דער אויבער- הערשאַפט פון געניראַל-גובערנאַטאָר אין באָמביי (אינדיען).

